בס"ד
ראה תשפ"ג
גליון 153

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט איר מודיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא - סוֹף פוּנֶעם גָלוּת

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט מַמָש אַפָּאר טֶעג פַאר חֹדֶש אֱלוּל, דֶער חֹדֶש וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חֹדֶש הָרַחֲמִים וְהַסְלִיחוֹת, וֶוען עֶס אִיז "יָדוֹ פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים" דֶער הַאנְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט פַאר אַלֶע וָואס ווִילְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (הל' עדות ה"ה) אַז חֹדֶש אֱלוּל אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיף אִין הִימְל אָרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי לוּחוֹת שְׁנִיּוֹת, הָאט עֶר דַאן גֶעמַאכְט אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

קִינְדֶער אִיךְ ווִיל אַייךְ פְרֶעגְן: "וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע?"

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא זָאגְט אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרַע, אִיז אֵיין שְׁטִיק לִיגְנְט מִיט פַאלְטְשְׁקֵייט. קוֹדֶם רֶעדְט עֶר אַיין צוּ טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן וֶוען דֶער אִיד ווִיל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, זָאגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרַע: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן! אַזַא נִידְרִיגֶער בַּעַל עֲבֵרָה ווִי דוּ בִּיסְט, נֵיין, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים אוּן זָאגְן אוּנְז אַז עֶס אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט. יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדְן מַצָב אִין וֶועלְכֶע פְלַאץ עֶר אִיז נֶעבֶּען אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה מִיט אַלֶע צַדִיקִים נָאךְ אִים הָאבְן מְגַלֶה גֶעוֶוען אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַמְשִׁיךְ פַאר אוּנְז דִי וֶועג יֶעדֶעס יָאר פוּן דָאסְנֵיי, אוּן מֶען דַארְף דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען פַאר זִיךְ, אוּן חֲזֶרְ'ן אוּן אוֹיסְרוּפְן פַאר דִי חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע. "רַבּוֹתַי! דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אוּנְז, מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער אֲפִילוּ אוֹיב אַ אִיד מֵיינְט אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער בַּעַל עֲבֵרָה, דָארְט אִין זַיין פִינְסְטֶערֶע מַצָב, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא פַאר אִים אַ וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

וֶוען יֶעדֶעס אִינְגְל וֶועט דָאס גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן נִישְׁט נָאר אִין חֹדֶש אֱלוּל, זָאל עֶר ווִיסְן אַז עֶר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן תְּשׁוּבָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז וֶוער ס'קֶען זָאגְן תְּהִלִים אִין דִי חֳדָשִׁים פוּן אֱלוּל - תִּשְׁרֵי אִיז דָאס גֶעוַואלְדִיג, מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶער נַחַת רוּחַ אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס טוּט זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם אוֹיבְּן אִין הִימְל.




המשך אויף זייט 4

# מיין מעשה'לע



## וָוער אִיז דֶער שַׁדְכָן?!

מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין דֶערְנֶענְטֶערְט נָאנְט צוּ דִי צְוָואנְצִיג, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאזָארְגְט, וָואס וֶועט זַיין? וֶוען וֶועט עֶר שׁוֹין טְרֶעפְן זַיין בַּאשֶׁערְטֶע?

אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אַ חֹדֶשׁ נָאךְ אַ חֹדֶשׁ, אָבֶער עֶר אִיז נָאכְאַלְץ אַ בָּחוּר...

אִינְדֶערְצְווִישְׁן הָאבְּן אוּנְז קִינְדֶער מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן גֶעטוּן אַלְס וָואס אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף טוּן צוּ פּוֹעֶל'ן בַּיים הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל צוּשִׁיקְן אַ זִיווּג פוּן הִימֶל.

מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב! עֶס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ קִינְד בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ! הָא, אַבִּי מֶען הֶערְט מַזָּל טוֹבְ'ס אִין דֶער לוּפְט!

מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל מִיט דִי קְלֵיין בּוּבֶּעלֶע, וֶוען אַ שַׁדְכְנְ'טֶע קְלִינְגְט אִיר אוּן פְּרֶעגְט, אִיר ווִילְט אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט אֵייעֶר זוּן?

אַ שְׁאֵלָה? גְרַאדֶע בִּין אִיךְ יֶעצְט אִין שְׁפִּיטָאל מִיט אַ נַיי גֶעבּוֹירְן קִינְד פַארְן מַאכְן דִי בְּרִית, אָבֶער מִיר זֶענֶען אַלֶעמָאל גְרֵייט אוֹיף אַ גוּטֶע הַצָּעָה.

אָקֶעי אִיךְ ווִיל אֵייךְ אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד זַיין מִשְׁפָּחָה נָאמֶען אִיז שְׁוַוארְץ, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע טָאכְטֶער. ווִי נָאר מַיין מַאמֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן עֶרְהוֹילוּנְגְס הֵיים אִיז דִי שִׁידוּךְ גֶעוָוארְן גֶעשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן אֵיינְס צְוֵויי.

אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט הָאט זִיךְ אַז מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ פַאר אוּנְזֶער וַוייטְן קָרוֹב אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס הֵייסְט שִׁמְעוֹן כֹּהֵן אוּן דִי מַאמֶע'ס נָאמֶען פוּן שְׁטוּבּ אִיז לֶעווִי, אוּנְזֶער בְּרוּדֶער וָואס אִיז גְרַאדֶע אַסַאךְ עֶלְטֶער הֵייסְט רְאוּבֵן אוּן אוּנְזֶער נָאמֶען אִיז אוֹיךְ כֹּהֵן אוּן אוּנְזֶער מַאמֶע פוּן שְׁטוּבּ אִיז אוֹיךְ לֶעווִי.

וֶוען דִי שַׁדְכְנְ'טֶע הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן דִי שִׁידוּךְ פַאר מִשְׁפַּחַת שְׁוַוארְץ אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקְלִינְגֶען דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן הָאבְּן אַלֶע קְרוֹבִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז מֶען רֶעדְט פוּן אוּנְזֶער בְּרוּדֶער רְאוּבֵן אוּן נִישְׁט פוּן שִׁמְעוֹן כֹּהֵן, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט פוּן אוּנְז אַז מִיר זוּכְן זֵייעֶר אַ שִׁידוּךְ פַאר אוּנְזֶער בְּרוּדֶער.

דִי שַׁדְכְנְ'טֶע ווִידֶער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִי טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ פַאר שִׁמְעוֹן כֹּהֵן דֶער יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן כְּסֵדֶר גֶעשְׁטַאנֶען בְּקֶשֶׁר מִיט דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְעוֹן וָואס הָאבְּן גֶעשְׁלֶעפְּט דִי צַייט ווִיבַּאלְד זֵייעֶר בָּחוּר אִיז נָאךְ זֵייעֶר אִינְג.

בִּיז... מִשְׁפַּחַת שְׁוַוארְץ הָאט גֶעכַאפְּט אַז דִי שַׁדְכְנְ'טֶע טְרָאגְט זֵיי אָן אַ שִׁידוּךְ פוּן עֶפֶּעס אַ יוּנְגֶער כֹּהֵן בָּחוּר אָבֶער זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען גוּטֶע גְרִיסְן פוּן רְאוּבֵן אַ בָּחוּר וָואס אִיז שׁוֹין נָאנְט צוּ דֶער צְוָואנְצִיג אוּן אַזוֹי ווִי זֵייעֶר טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין אִיבֶּער דִי צְוָואנְצִיג הָאבְּן זֵיי עֶנְדֶערְשׁ גֶעוָואלְט נֶעמֶען דֶעם רְאוּבֵן כֹּהֵן אוּן נִישְׁט שִׁמְעוֹן.

דִי שַׁדְכְנְ'טֶע הָאט גֶעקְלִינְגֶען מַיין מַאמֶע פַארְן מַאכְן אַ בְּרִית פַאר אוּנְזֶער קְלֵיינֶער בְּרוּדֶער אוּן מַיין מַאמֶע הָאט גָארְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז מֶען פְּרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף אִיר זוּן, אוּן עֶפֶּעס אַ מִשְׁפָּחָה שְׁוַוארְץ ווִיל זִיךְ מִיט אוּנְז מְשַׁדֵּךְ זַיין אוּן דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעוָוארְן אֵיינְס צְוֵויי.

**דֶער אֱמֶת'ער שַׁדְכָן אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער...**

(נעמען פיקטיוו)



# מיין ערשטע ראש השנה: אומין שנת תרע"ה

אײנער אַלײן, טוט זיך אַ יונגער בָּחור'ל מוטשעניען אָנצוקומען צו דעם װײטן שטאָט אומאַן.

דער בָּחורל, שפּרײזט דורך שטאָט נאָך שטאָט, אונטער שװערע מלחמה אומשטענדן װעלכע באַלאַגערן דעם גאַנצן אײראָפּעאישן קאָנטינענט, אַלעס מיטן בלויזן ציל: צו דערגרײכן די פיר אַמות פונעם ציון פונעם הײליגן רבי'ן רבינו נחמן מ'ברסלב זי"ע.

דער בּחור'ל, מיטן נאָמען לוי יצחק בענדער, װעלכע װעט פילע יאָרן שפּעטער פאַרװאַנדלט װערן אין אײנער פון די װעלכע טוען װײטער שפּינען דעם לאַנגן קײט, אויף װעלכע דער הײליגער רבי האָט פאַרזיכערט "מײן פײערל װעט שוין טליען ביז משיח װעט קומען", האָט דאַן נאָכנישט געװאוסט אויף װי װײט דער באַזוך װעט אים טוישן זײן לעבן, אָבער אָט דאָס יאָר, תרע"ד, װען ער האָט צום ערשטן מאָל געמאַכט דעם לאַנגן װעג פון פּוילן קײן אוקראַינע, האָט אים געעפנט נײע טויערן אין עבודת השם, װערנדיג אַ פײעריגער ברסלבער חסיד.

פינף-און-צװאַנציג ראש השנה'ס! האָט ר' לוי יצחק בענדער עליו השלום אָפּגעבראַכט בײם ציון המצויינת פונעם רבי'ן, אָבער אין דעם אַרטיקל װעלן מיר זיך בעיקר באַציען צו די ערשטע ראש השנה װעלכע רבי לוי יצחק ז"ל האָט מיטגעהאַלטן אין אומאַן, אין יאָר תרע"ה, די טיפע רושם װאָס דאָס האָט געלאָזט אויף אים און אים געגנצליך באַנומען, לויט װי ער זעלבסט פלעגט דאָס שילדערן דורכאויס די שפּעטערע יאָרן.

## פאַרװאַנדלט די גאַנצע ישיבה פאַר ברסלב'ע חסידים

אַלעס האָט זיך אָנגעהויבן װען רבי לוי יצחק האָט דאַן געלערנט אין ישיבה אין די שטאָט מאַקאָװע אין פּוילן. אין יאָר תרע"ד, אין די זומער, איז אַרײנגעקומען אין ישיבה אַ נײער

בחור. דער בחור איז געװען אַ באַ'חנטע'ער און מיט אַ אײדעלער געשטעל, מיטן נאָמען

'איציקל אָטװאָצקער' פון לאָדזש, זײענדיג אינגאַנצן בלויז זעכצן יאָר אַלט.

איציקל איז געװען אַ אומגעװענליכער בחור, ער איז געװען אַ אינגל אַ קאָפּ, אַ בעל מוח,

מיט אַ למדן, אַלע האָבן געהאַט פאַר אים התפּעלות! אַפילו די ישיבה אײנגעשטעלטע!

ער איז געװען יונגער פון ר' לוי יצחק,

און אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד! עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין תּוֹרָה, עֲבוֹדָה און גְּמִילוּת חֲסָדִים. עֶקְסְטֶער הָאט פַארְנוּמֶען בַּיי אִים אַ גְרוֹיסֶער אָרְט זַיינֶע תְּפִלּוֹת וועלְכֶע עֶר הָאט אָפְּגֶערָאכְטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, אַרַיינְגֶענֶעמֶענְדִיג זַיינֶע אַרוּמִיגֶע אִין אַ בְּרֶען צוּם דַאוֶוענֶען.

טְרָאץ זַיין יוּנְגְן עֶלְטֶער הָאט עֶר בְּלִיץ שְׁנֶעל בַּאוִויזְן אִיבֶּערְצוּנֶעמֶען אַלֶעמֶען, און בִּיז אַ קוּרְצֶער צַייט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשַׁיינֶען צְווִישְׁן דִי בָּחוּרִים דֶעם גְרוֹיסְן אוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען אִין אַ גָאר קוּרְצֶער צַייט-אָפְּשְׁנִיט הָאט עֶר פַארְוַואנְדְלְט דִי גַאנְצֶע יְשִׁיבָה אִין אַ פוּלְקָאמֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער יְשִׁיבָה.

אִיצִיקְל אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן דֶעם יָאר פּוּרִים, פוּן וִוי עֶר הָאט גֶעשִׁילְדֶערְט פַארְן עוֹלָם אִיבֶּער דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֲבוֹדוֹת וֶועלְכֶע עֶס דֶערְקֶענְט זִיךְ בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִינֶעם שְׁטָאט, אַרַיינְבְּרֶענְגֶענְדִיג אַ קָאךְ און בְּרֶען בַּיי אַלֶעמֶען דָאס זֶעלְבְּסְט צוּ בַּייוואוֹינֶען. חוּץ פוּן אֵיינֶעם אִין יְשִׁיבָה בַּיי וֶועם אִיצִיקְל הָאט דֶערְוַוייל נִישְׁט גֶענְצְלִיךְ בַּאוִויזְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן און אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אִים דֶעם פְלַאם פוּנֶעם רֶבִּי'ן. דָאס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זֶעלְבְּסְט.

## מְנִיעוֹת צוּ עֶרְוֶועקְן דִי חֵשֶׁק

וֶוען דִי זוּמֶער חֳדָשִׁים הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אַ עֶנְדֶע, הָאט זִיךְ אָנְגֶעצִינְדְן בַּיי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אַ בְּרֶען אַז עֶר ווִיל זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! דָאס גֶעדַאנְק צוּ וַוייְלְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן פַאר אַזַא אֵיינֶער וִוי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען מָאדְנֶע און פְרֶעמְד אַלְס אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בֶּעפָאר אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַלְץ אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד... וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט פַאר זַיין טַאטְן אַז עֶר הָאט אַ קָלֶער צוּ רַייזְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר זִיךְ קַאטֶעגָארִישׁ קֶעגְנגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶּער רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק הָאט גָאר שְׁנֶעל אַנֶערְקֶענְט אַז דִי וֶועג צוּ עֶרְוֶועקְן דִי חֵשֶׁק צוּ אַ הֵיילִיגֶע מִצְוָה אִיז דוּרְכְ'ן צוּבְּרֶעכְן דִי מְנִיעוֹת.

המשך בעז"ה

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט זָאלְן שׁוֹין ווִיסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט בַּיי דִי תְּפִלּוֹת יָמִים נוֹרָאִים וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יָצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְּאַפּוֹ, ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל מֶלֶךְ וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה, בִּפְרָט אִין דִי טֶעג וֶוען טוֹיזְנְטֶער אִידְן בֶּענְקְן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און ווִילְן צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, דַארְפְן אַייךְ טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ ווִיסְן דִי כּוֹחוֹת וָואס אִיר פַארְמָאגְט מִיט עֶנְקֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס מִיט תְּמִימוּת און רֵיינְקַייט דָאס וֶועט זִיכֶער עֹשֶׂה רוֹשֶׁם זַיין צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אֱמֶת'ע גְאוּלָה בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# דָאס יָאר וֶועלְן אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער שֶׁענְקֶען אַ מַתָּנָה פַאְרן רֶבִּי'ן!




# יָא!

קֶענְסְט זִיךְ נָאךְ מִטְכַאפְּן מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן שׁוֹין

אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען לְפָחוֹת אֵיין סֵפֶר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

בִּיז חַ"י תִשְׁרֵי - דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְצַייט.

*אין קנעפל 2x3 אויפן טעל-ליין פון רבי'נס ליכט*

הגליון נתנדב ע"י הר"ר צבי ארי' מיימון הי"ו
לע"נ זקינו הרה"ח ר' ישראל אבא בן ר' יהודה (רוזנפלד) ע"ה

~ ~ ~ ~ ~ ~ ~

הדפסת הגליון נתנדב ע"י הר"ר נחמן גאלינסקי הי"ו
לרגל הולדות הבן למזל טוב

# אִידִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים

## אַ קַאפְּל



אוֹיפְן בִּילְד זֶעט מֶען דֶעם
הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קַאפְּל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת "צָרִיךְ לִשְׁמוֹר עַל הַתִּינוֹק שֶׁלֹּא יֵלֵךְ בְּגִלּוּי הָרֹאשׁ" **מֶען בְּרוֹיךְ אָפְּהִיטְן אוֹיף אַ קִינְד, עֶר זָאל נִישְׁט קַיין מִיט אַ הוֹילְן קָאפּ - אָן אַ קַאפְּל** (אוֹת בָּנִים, סִימָן ב')

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס מַאמֶע הָאט אִים אָנְגֶעטוּן אַ קַאפְּל גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דָאס הָאט זִיכֶער צוּגֶעהָאלְפְן פַאר דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען מֶען טוּט אָן אַ קַאפֶּעלֶע אוֹיפְן קָאפּ בְּרֶענְגְט עֶס יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קנ"ו) דֶערְצֵיילְט אַז עֶפֶּעס אַ שְׁטֶערְן-זֶעעֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מַאמֶע פוּן דֶער אֲמוֹרָא רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אַז אִיר קִינְד נַחְמָן וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גַּנָּב! וָואס הָאט זַיין מַאמֶע גֶעטוּן?

זִי הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אָן אַ קַאפְּל, זִי הָאט גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע בְּרַייטֶע צוּדֶעק (אַזוֹי וִוי דִי אַמָאלִיגֶע סְפָרַדִ'ישֶׁע חֲכָמִים פְלֶעגְן גֵיין) עֶס זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן זַיין קָאפּ, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן חַס וְשָׁלוֹם אַ גַּנָּב.

נַחְמָנְ'ס מַאמֶע הָאט אִים שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט זַיין קָאפּ זָאל זַיין צוּגֶעדֶעקְט, אַזוֹי וֶועט עֶר מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**פַארְוָואס הָאט נַחְמָנְ'ס מַאמֶע דַוְקָא אוֹיסְגֶעוֶועלְט אִים אָנְצוּטוּן אַ קַאפְּל?**

ווייל דֶער יֵצֶר הָרָע גֵייט אָנְגֶעטוּן בְּלוֹיז, אָן קְלֵיידֶער, וֶועגְן דֶעם רֶעדְט עֶר אַיין שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צְנִיעוּת'דִיג! הָאט זַיין מַאמֶע גֶעוָואלְט עֶר זָאל זַיין וִוי מֶער צוּגֶעדֶעקְט.

נַחְמָנְ'ס מַאמֶע הָאט אִים אוֹיךְ גֶעהֵייסְן עֶר זָאל בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. **יָא קִינְדֶער! מֶען קֶען בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים.** אָבֶּער נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פַארְוָואס זַיין מַאמֶע בֶּעט אִים עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יֵצֶר הָרָע אוּן אַז עֶר זָאל אַלֶעמָאל גֵיין גוּט צוּגֶעדֶעקְט זַיין קֶעפֶּעלֶע.

אֵיין טָאג אִיז נַחְמָן גֶעזֶעצְן אוּנְטֶער אַ טַייטְלְבּוֹים אוּן גֶעלֶערְנְט, אִינְמִיטְן אִיז

זַיין קַאפְּל אַרָאפְּגֶעפַאלְן!! נַחְמָן הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זֶעט אַ שֵׁיינֶער בּוֹים מִיט גָאר גֶעשְׁמַאקֶע הֶערְלִיכֶע טֵייטְלֶען, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים אַיינְגֶערֶעדְט צוּ טוּן עֶפֶּעס... נַחְמָן קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיפְן בּוֹים אוּן רֵייסְט אַרָאפּ מִיט זַיינֶע צֵיינֶער אַ גֶעהֶענְגְל טֵייטְלֶען, אָבֶּער דֶער בּוֹים אִיז נִישְׁט זַיין בּוֹים עֶס בַּאלַאנְגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ!! עֶר אִיז גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט גֶעוָוארְן, וַוייל פוּן הִימְל הָאט מֶען אִים גֶעוָואלְט ווייזְן אַז עֶר זָאל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּאלְגְן זַיין מַאמֶע אוּן אַלֶעמָאל הָאבְּן אַ קַאפְּל.

יֶעצְט הָאט שׁוֹין נַחְמָן פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס זַיין מַאמֶע הֵייסְט אִים אַלֶעמָאל אָבְּאַכְט גֶעבְּן אוֹיף זַיין קָאפּ צוּדֶעק, וַוייל גְלַייךְ וֶוען זַיין קַאפְּל אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרָע פוּן גַנְבֶ'נֶען.

אָבֶּער רַב נַחְמָן הָאט גֶעוואוּסְט אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ 'מַזָל' פוּן אַ גַנָב, הָאט עֶר מִיטְן כֹּחַ פוּן זַיין תְּפִלָּה אוּן זַיין קַאפְּל, גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל גָאר אוֹיסְוַואקְסְן דֶער גְרוֹיסֶער אֲמוֹרָא רַב נַחְמָן. (מהרש"א, בן יהוידע)

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מִיר לֶערְנֶען יֶעצְט דֶער מָשָׁל פוּן דֶער שְׁטֶערְן זֶעעֶר וָואס הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט פַארְן אָרִימַאן אַז עֶר וֶועט זַיין אַ גַנָב, וִוי מִיר זֶעעֶן דָא אוֹיךְ אַז רַב נַחְמָנְ'ס מַאמֶע הָאט גֶעהֶערְט אַזַא זַאךְ אוֹיף אִיר קִינְד אוּן הָאט אִים אָנְגֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע קַאפֶּעלֶע וִוי דֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט אַז זִי הָאט גֶעוָואלְט עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַלֶעמָאל דֶעם יִרְאַת שָׁמַיִם,



אוּן טַאקֶע אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אוֹיךְ דֶעם נָאמֶען נַחְמָן אוּן זַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען עֶר זָאל הָאבְּן אַ קַאפְּל גְלַייךְ נָאכְן גֶעבּוֹירְן וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַתִּינוֹק, שֶׁלֹּא יֵלֵךְ בְּגִלּוּי הָרֹאשׁ. מֶען דַארְף הִיטְן דָאס קִינְד זָאל נִישְׁט גֵיין אִין אַ הוֹילְן קָאפּ!.

**פַאר אוּנְז טַייעֶרֶע קִינְדֶער אִיז דָאס אַ לִמּוּד אַז מֶען גֵייט אַלֶעמָאל אַ קַאפְּל, אֲפִילוּ וֶוען מֶען לוֹיפְט! אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן גֵיין, אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גְרוֹיסֶע קַאפְּלֶעך וָואס אוּנְזֶערֶע בַּאבֶּעס הָאבְּן גֶענֵייט עֶס זָאל צוּדֶעקְן רוֹב פוּנֶעם קָאפּ! מִיר וֶועלְן פְּרוּבִּירְן זֵיי נָאכְמַאכְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן וַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אַזוֹי וִוי זֵיי.**

# מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן אַ כְּרוּז און אוֹיסְרוּפְן אַז אַלֶע זָאל קוּמֶען צוּם אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס פַאְרלַאנְגְט זִיךְ נָאךְ גָאר אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, אַז דֶער הֵיילִיגֶער קִבּוּץ בַּיים רֶבִּי'ן זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען, בִּפְרָט דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס הָאט גָאר אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים.

דֶערִיבֶּער וֶועט בְּעֶזְר הַשֵּׁם פָּארְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע,

# עצרת תפלה לילדי ברסלב



וִוי דִי קִינְדֶער וֶועלְן הֶערְן אַ שֵׁיינֶע דְּרָשָׁה
און מִתְפַּלֵּל זַיין און בּוֹקֵעַ רְקִיעִים זַיין מֶען זָאל קֶענֶען פָּארְן
צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ.

**ביום שלישי פרשת שופטים הבעל"ט (ליל ער"ח אלול)**

**אין בית שמש, בית המדרש אוהל הדסה**

**רחוב רבי יהושע, בשעה 7:00**

**דִי קִינְדֶער וֶועלְן קוּמֶען בעז"ה מִיט דִי מַשְׁגִּיחִים און מְלַמְּדִים פוּן דִי חֲבָרוֹת.**

# מַעֲשֶׂה א' – פוּן אֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ (3)

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) נָאךְ מַיין דֵיעָה נָאךְ אִיז דָאס אֵיין נַארִישְׁקֵייט נָאר וַוייל דוּ שְׁפַּארְסְט זִיךְ בְּכֵן אִיךְ בִּין אֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע חַיוֹת וֶועל אִיךְ דִיר צוּ לִיבּ טָאן אוּן וֶועל צוּם אוֹיף רוּפֶען אַלֶע חַיוֹת זֵיי לוֹיפְן אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֶועט ווִיסְן אֵיינֶע פוּן זֵיי פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס הַנַ"ל. הָאט עֶר צוּם אוֹיף גִירוּפְן אַלֶע חַיוֹת פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אוּן הָאט זֵיי גִיפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי אַלֶע גִיעֶנְפֶּרְט זֵיי הָאבְּן נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט זֶעסְטוּ מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט אַיין גִירֶעט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגִין קֶער דִיךְ אוּם וָוארִין דוּ וֶועסְט בְּוַודַאי נִיט גִיפִינֶען וָוארִין עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁפַּארְט אוּן הָאט גִיזָאגְט עֶס מוּז בְּוַודַאי יוֹא זַיין.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער ווִילְדֶער מֶענְטְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) אִיךְ הָאבּ אֵיין בְּרוּדֶער אִין דֶער מִדְבָּר אוּן עֶר אִיז אַמְמוּנָה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי מַחֲמַת זֵיי פְלִיעֶן הוֹיךְ אִין דֶעם אַוִיר. טָאמֶער הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים אוּן זָאלְסְט אִים זָאגִין אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִישִׁיקְט צוּ אִים.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים אִים זוּכִין הָאט עֶר ווִידֶער גִיפוּנֶען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסִין מֶענְשׁ כַּנַ"ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גִיטְרָאגִין אֵיין גְרוֹיסִין בּוֹים אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיפְרֶעגְט ווִי דֶער עֶרְשְׁטֶער. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַז דֶער בְּרוּדֶער הָאט אִים גִישִׁיקְט צוּ אִים. אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ מַדְחֶה גִיוֶועְן בַּאֲשֶׁר עֶס גִיפִינְט זִיךְ בְּוַודַאי נִיט. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְצִיר גִיוֶועְן עֶס אִיז בְּוַודַאי יוֹא דָא.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט אִיךְ בִּין אֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע עוֹפוֹת וֶועל אִיךְ זֵיי רוּפְן טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי. הָאט עֶר צוּם אוֹיף גִירוּפְן אַלֶע עוֹפוֹת אוּן הָאט אַלֶע גִיפְרֶעגְט פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. הָאבְּן זֵיי אִים גִיעֶנְפֶּערְט זֵיי וֵוייסִין נִיט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט זֶעסְטוּ עֶס אִיז בְּוַודַאי נִיט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָּאלְגְן קֶער דִיר אוּם וָוארִין עֶס אִיז בְּוַודַאי נִיט דָא. אוּן עֶר (דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת) הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁפַּארְט אוּן הָאט גִיזָאגְט עֶס אִיז בְּוַודַאי יָא דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט.

הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט וַוייטֶער אִין דֶער מִדְבָּר גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט מַיין בְּרוּדֶער עֶר אִיז אֵיין מְמוּנֶה אִיבֶּער אַלֶע ווִינְטְן אוּן זֵיי לוֹיפִין אוֹיס גָאר דִי וֶועלְט טָאמֶער וֵוייסִין זֵיי. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים זוּכִין, הָאט עֶר ווִידֶער גִיפוּנֶען אֵיין גְרוֹיסִין מֶענְטְשׁ כַּנַ"ל. אוּן הָאט אוֹיךְ גִיטְרָאגִין אֵיין גְרוֹיסִין בּוֹים אוּן הָאט

אִים אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט כַּנַ״ל. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ״ל. הָאט אִים דֶער מֶענְשׁ אוֹיךְ מַדְחֶה גִיוֶועְן. אוּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט אִים זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט עֶר וֶועט אִים צוּ לִיבּ טָאן אוּן וֶועט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין צוּם אוֹיף רוּפִין אַלֶע וִוינְטְן אוּן וֶועט זֵיי פְרֶעגְן. הָאט עֶר זֵיי גִירוּפְן. זֶענֶען גִיקוּמֶען אַלֶע וִוינְטְן הָאט עֶר אַלֶע גִיפְרֶעגְט. הָאבְּן זֵיי קֵיינֶער נִיט גִיוואוּסְט פוּן דֶעם בַּארְג מִיט דֶעם שְׁלָאס. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט (דֶער מֶענְשׁ צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת) זֶעסְטוּ אַז מֶען הָאט דִיר אֵיין נַארִישְׁקֵייט דֶער צֵיילְט. הָאט אָן גִיהוֹיבְּן דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז בְּוַודְאַי יוֹא דָא.

דֶער וַוייל הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען נָאךְ אֵיין וִוינְט הָאט זִיךְ דֶער מְמוּנָה אוֹיף אִים גִיבֵּייזֶערְט וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַאר שְׁפֶּעטִיקְט צוּ קוּמֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ גוֹזֵר גִיוֶועְן אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען אַלֶע וִוינְטְן פַאר וָואס בִּיסְטוּ נִיט גִיקוּמֶען מִיט זֵיי. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַאר זַאמְט מַחֲמַת אִיךְ הָאבּ בַּאדַארְפְט אָפּ טְרָאגִין אֵיין בַּת מֶלֶךְ צוּ אֵיין גִילְדֶענִים בַּארְג מִיט אֵיין פֶּערְלְנִים שְׁלָאס הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶער פְרֵייט (הַיְינוּ דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶער פְרֵייט וָואס עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גִיוֶועְן צוּ הֶערִין דָאס וָואס עֶר וִויל).

הָאט גִיפְרֶעגְט דֶער מְמוּנָה אִיבֶּער וִוינְטְן דֶעם וִוינְט וָואס אִיז דָארְטִין טַייעֶר. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט דָארְט אִיז אַלְדִינְג טַייעֶר. הָאט זִיךְ אָן גִירוּפְן דֶער מְמוּנָה אִיבֶּער וִוינְטִין אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם שֵׁנִי לְמַלְכוּת בַּאֲשֶׁר אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ זוּכְסְט זִי אוּן וִוי פִיל יְגִיעוֹת דוּ הָאסְט גִיהַאט בְּכֵן טָאמֶער וֶועסְטוּ הַיינְט הָאבִּין אַ מְנִיעָה מַחֲמַת גֶעלְט עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבִּין אַ כֵּלִי אַז וֶועְן דוּ וֶועסְט אַרַיין טָאן דִי הַאנְט וֶועסְטוּ פוּן דָארְט אַרוֹיס נֶעמֶען גֶעלְט. אוּן הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם וִוינְט אַז עֶר זָאל אִים טְרָאגִין אַהִין אִיז גִיקוּמֶען דֶער שְׁטָארִים וִוינְט אוּן הָאט אִים אַהִין גִיטְרָאגְן. אוּן הָאט אִים גִיבְּרַאכְט צוּם טוֹיעֶר. זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען חַיָילוֹת אוּן הָאבִּין אִים נִיט גִילָאזְט אִין שְׁטָאט אַרַיין. הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי הַאנְט אִין דֶער כֵּלִי אוּן הָאט אַרוֹיס גִינוּמֶען גֶעלְט, אוּן הָאט זֵיי מְשַׁחֵד גִיוֶועְן. אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. עֶס אִיז גִיוֶועְן אֵיין שֵׁיינֶע שְׁטָאט.

אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין גְבִיר אוּן הָאט זִיךְ אָן גִידוּנְגֶען קֶעסְט. וָוארִין מֶען בַּאדַארְף זִיךְ דָארְטְן פַאר זַאמֶען. וָוארִין מֶען מוּז זֶעהְן מִיט חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל מֶען זָאל זִי אַרוֹיס נֶעמֶען (אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט דֶער צֵיילְט) צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען אָמֵן סֶלָה.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## אבידת בת מלך (3)

א. וואס האבן די חיות געענטפערט?
- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

ב. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די עופות ?
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

ג. וואס האבן די עופות געענטפערט?
- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי ווייסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

ד. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די רוחות ?
- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוואו

ה. וואס האט געזאגט דער ווינט וואס האט געשפעטיגט צו קומען?
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן דימאנטן צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א בת מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס

### סיפורי מעשיות



ו. וואו איז מרומז אין די מעשה דאס וואס שטייט אין ליקוטי מוהר"ן תנינא מ"ח **א) אז ווען א מענטש גייט אריין אין עבודת השם איז דער דרך אים צו ווייזן התרחקות? ב) אז מען דארף זיין א גרויסער עקשן אין עבודת השם?**

**ז. ווייסטו פארוואס דער רבי האט נישט צוגעענדיגט צו דערציילן ווי אזוי ער האט איר ארויסגענומען?**

**ח. וואו קען מען זיך לערנען פון די מעשה וואס דער רבי זאגט: "יעדער פון מיינע מענטשן וועלן זיכער זוכה זיין צום סוף אנצוקומען אויף דער וועלט צו וואס ער דארף דערגרייכן"** (חיי מוהר"ן מעלת המתקרבים אליו ש"ב)?

**דער געווינער אויף סיפורי מעשיות #2**
**איז הילד החשוב נחמן שפירא, ירושלים 8789******

**די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת"ת ברסלב בית שמש / ירושלים**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ׳ס משלים

***הֶמְשֵׁךְ פוּן פְרִיעֶר: דֶער קֶענִיג הָאט זַייעֶר גֶעוָואלְט זֶען דֶעם גֶערִיבֶּענֶעם גַנָב. וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעלָאזְט וִויסְן אַז מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט טוּן פַארְן גַנָב אוֹיבּ אִיז עֶר זִיךְ מוֹדֶה, הָאט דֶער אָרִימַאן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, "יָא גֶעוָואלְט, נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּן פָארְט גֶעגַאנְגֶען". עֶר גֵייט צוּם קֶענִיג אוּן דֶערְצֵיילְט אִים דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז אַרִיבֶּער פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן אוֹיסְלָאז.***

דִי שָׂרִים פוּנֶעם קֶענִיג אוּן דִי שׁוֹפְטִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג: "טְרָאץ וָואס דֶער קֶענִיג וִויל אִים מְוַותֵּר זַיין אוּן מוֹחֵל זַיין, מִיר זֶענֶען אָבֶּער אִים נִישְׁט מְוַותֵּר, מִיר וֶועלְן אָפְּנֶעמֶען דֶעם קֶענִיגְס בִּזְיוֹנוֹת, מֶלֶךְ שֶׁמָּחַל עַל כְּבוֹדוֹ – אֵין כְּבוֹדוֹ מָחוּל".

דִי גֶעזֶעץ-גֶעבֶּער הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט אוּן גֶעפַּסְקְ'נְט אַז מֶען דַארְף אִים הֶענְגֶען!

טְרָאגְנְדִיג אִים צוּ דֶער תְּלִיָּה הָאט עֶר גֶעזֶען פוּנֶדערְוַוייטְנְס דֶעם שְׁטֶערְן זֶעעֶר וָואס הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זַיין מַזָל וֶועט אוֹיפְגֵיין אוֹיבּ וֶועט עֶר גַנְבְ'נֶען, דֶער אָרִימַאן בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים מִיט אַ בִּיטֶערְלִיכֶע גֶעוֵויין אוּן אַ גֶעשְׁרֵיי: "זֶע צוּ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעבְּרַאכְט אַז מֶען פִּירְט מִיר הֶענְגֶען, וֵויי!"

"צוּלִיבּ דִיר הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְקַייקְלְט פוּן אֵיין זוּמְפּ צוּם צְוֵוייטְן בִּיז מֶען פִירְט מִיךְ צוּ דֶער תְּלִיָּה, אוֹי וֵויי!" יָאמֶערְט דֶער אָרִימַאן.

דֶער שְׁטֶערְן זֶעעֶר 'וִוירָאשׁ בִּיט' הָאט גֶעטְרָאגְן אוֹיפְן רוּקְן אַ זַאק פוּל מִיט אָפְּגֶערִיבֶּענֶע גֶעשְׁוָואלֶענֶע שִׁיךְ – שְׁקְרָאבֶּעס, דֶער שְׁטֶערְן זֶעעֶר וַוארְפְט אִים דִי זַאק שִׁיךְ, לַאכְנְדִיג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: "דוּ זֶעסְט דֶעם זַאק צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ? אַזוֹיפִיל צֶערִיסֶענֶע שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן בִּיז אִיךְ הָאבּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דִיךְ צוּ אַרַיינְכַאפְּן אִין מַיין נֶעץ!" "אַזוֹיפִיל שְׁקְרָאבֶּעס, [אָפְּגֶעניִצְטֶע שִׁיךְ אִין אוּקְרֵיינִישׁ] הָאבּ אִיךְ צֶערִיסְן בִּיז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ!"

דֶער וִוירָאשׁ בִּיט אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶער וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע אַלֵיין, וָואס הָאט נָאכְגֶעלָאקֶערְט דֶעם אָרִימַאן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז עֶר הָאט אִים פַארְכַאפְּט מַמָּשׁ בִּיזְן טְרָאגְן צוּם טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלָן. בִּיז דָא אִיז דִי מַעֲשֶׂה.

